ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת דברים -חזון / גליון ל"ט

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## פרישע כוחות אויפגענומען בקרב מוסדותינו הקדושים ה"ה המחנך נפלא הרב משולם פייש מערמעלשטיין שליט"א.

מיט גרויס פרייד נעמען אנשי שלומינו בכלל און ספעציעל די חשובע הורי מוסדותינו הקדושים אויף די פרייליכע בשורה אז בשעה טובה האט מען אריינגענומען נאך א פרישע כוח בקרב מסודותינו הקדושים צו ארויס העלפן אז די לעבטיגע קינדערלעך זאלן שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים.

דערפאר איז אויפגענומען געווארן הרב משולם פייש (בן הרב יהוסף אליעזר) מערמעלשטיין שליט"א פון די חשובע תלמידי רביה"ק זי"ע וואס וועט מיט זיין יארן ערפארונג און חינוך זייענדיג א מלמד מומחה פאר לאנגע יארן וועט ער יעצט דינען אלץ א משגיח פאר די זוממער טעג און שטיין צו די האנט פאר אלע מלמדים און תלמידים זיי זאלן קענען רואיג אנגיין מיט די עבודת הקודש אומגעשטערט.

השי"ת זאל העלפן בזכות פון רבינו הקדוש וואס מוסדותינו איז נקראת על שמו זאל ער האבן גרויס הצלחה און אלע ענינים וואס ער טוט און מיר זאלן ווייטער זעהן ווי אונזערע לעבטיגע זיסע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה.

## תלמידי כתה ב' זענען זיך מחי' יעדן' טאג ביים גאר געשמאקע זוממער פראגראם

די לעבטיגע תלמידי המוסדות פון כתה ב' זענען און די יעצטיגע טעג זיך מחי' ביים אינטערעסאנטע זוממער פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך די חשובע מלמד מומחה הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א ווען יעדן סוף טאג מאכט די חשובע מלמד א ספעציעלע פראגראם ווי די לעבטיגע קינדערלעך פארברענגען אינאיינעם און ניצן אויס די טעג ווי עס דארף צו זיין און שעפן פרישע כוחות צו קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש צו פארשאפן אסאך נחת פאר די חשובע עלטען שיחיו.

עס איז צום האפן אז די לעבטיגע קינדערלעך זאלן ווייטער הנאה האבן פון די הערליכע זוממער פראגראם.

## א גאר ערענסטע שטימונג הערשט בין כותלי מוסדותינו הקדושים שטייענדיג און די ניין טעג ווען מיר טרויערן אויפ'ן חורבן הבית

און די יעצטיגע טעג ווען מיר אלע קלאגן אויפן חורבן הבית הערשט א גאר ערענסטע שטימונג בקרב מוסדותינו הקדושים ווען די לעבטיגע קינדערלעך הערן זיך צו ווי אזוי די חשובע מלמדים שליט"א פארציילן פאר זיי אביסל ענינים פונעם חורבן הבית ווי די קינדער זענען קונה גאר אסאך ידיעות און ענינים אויפ'ן חורבן הבית.

ווי באקאנט איז די חורבן געקומען צוליב די זינד פון שנאת חנם זענען די לעבטיגע קינדער יעצט מקיים די פאקערטע דאס איז אהבת חנם וואס די קינדערלעך געבן זיך אין די יעצטיגע טעג אפ מער מיט פארמערן כבוד איינער פארן צווייטן און דורך דעם זוכה זיין צו אויפבויען די בית המקדש השלישי במהרה.

די חשובע מלמדים האבן פארציילט פאר די לעבטיגע קינדער אז דורך דעם וואס מיר טוען א מצוה דא אונטן בויט מען אויף דעם בית המקדש השלישי אויבן און מיט יעדע מצוה וואס מיר טוען לייגט מען א ציגל אויפ'ן בית המקדש אויבן.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו בניית בית המקדש השלישי און צו ביאת משיח צדקינו בב"א

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**

**אויף טעלעפאון נומבער (845) 662 8093**

# ואלה שמות

אלו שמות הנדבנים שנדבו זכות פרנס היום במוסדותינו הקדושים
למען החזקת מוסדותינו הקדושים

## פרנס השבוע

נתנדב ע"י ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו
הרבני הנגיד הרה"ח
ר' ליפמאן דידנפעלד שליט"א

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

| יום ד' פרשת דברים | יום ה' פרשת דברים | יום ער"ש פרשת דברים | יום א' פרשת ואתחנן | יום ב' פרשת ואתחנן | יום ג' פרשת ואתחנן |
|---|---|---|---|---|---|
| נתנדב ע"י הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א מו"ץ בקריתינו הק' לרגל שמחת אירוסי בתו למז"ט | נתנדב ע"י הרה"ח ר' מיכל באש הי"ו לזכות נכדו הילד החשוב כמר יוקל טייטלבוים ני"ו | נתנדב ע"י הרה"ח ר' מנחם ברודא הי"ו לכבודו של נכדו הילד החשוב כמר אברהם יצחק ברודא ני"ו | נתנדב ע"י הרה"ח אלימלך קרויס הי"ו לזכות בנו הילד החשוב כמר מיכאל בער ני"ו | נתנדב הרה"ח פנחס פרענקל הי"ו לרגל שמחת אירוסי בנו למז"ט | נתנדב ע"י הרה"ח אברהם לייפער הי"ו לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט |

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן ובזכות רבינו הקדוש זי"ע שהמוסדות נקראת על שמו
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

צו מנדב זיין א פרנס היום ביטע זיך פארבינדן מיט'ן שליח המוסדות אויף טעלעפאן נאמבער 845 662 8093

## יארצייט אפדעיט

זיך גרייטענדיג צום הייליג'ן טאג כ"ז אב הבעל"ט ווען עס איז די יארצייט פון אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע וואס מיר אלע ווען געוויס זיך ווען מזכיר זיין ביים ציון הקדוש בעצם יומאדהילולא קדישא האבן מיר מסדר געווען אז מיט'ן אייבערשטן'ס הילף וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א פארליינען ביים ציון הקדוש אלע נעמען פון די טייערע תלמידי המוסדות. דערפאר ווילן מיר בעטן אז יעדער איינער זאל שיקן מיט די קינד די נאמען קלאר ארויס געשריבן זיין נאמען מיט זיין מאמע'ס נאמען.

ווי אויך קען מען מיטשיקן א קוויטל וואס ווער עס וויל עס זאל געלייגט ווערן ביים ציון הקדוש וואס וועט בעז"ה געלייגט ווערן דורך די שליחי המוסדות.

השי"ת זאל העלפן מען זאל פויעלן אלעס גוט'ס זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל.

## ברוכים הבאים

פאר די חשובע יונגל וואס איז אריינגעקומען לערנען
אין אונזער חדר
הילד החשוב כמר שניאור זלמן דובין ני"ו- נורסעדי

# ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

## און די יעצטיגע טעג לייגט הנהלת מוסדותינו הקדושים א שטארקע דגוש אז די סעיפטי פון די טייערע תינוקות של בית רבן זאל זיין אויפ'ן בעסט'ן אופן וואס איז שייך. ובפרט ביי די באס סעיפטי ביים טראגן און ברענגען די לעכטיגע קינדערלעך יעד'ן טאג.







א גאר דרינגענדע אסיפה איז פאר געקומען דעם פארגאנגענעם דינסטאג בין כותלי מוסדותינו הקדושים ספעציעל געאייגענט פאר אלע באס דרייווער'ס און די באס רבי'ס וואס געבן זיך אפ מיט די קינדער אויפ'ן באס ביים טראגן און ברענגען די לעכטיגע קינדערלעך אין חדר.

לכבוד די אסיפה איז ספעציעל אראפגעקומען די באקאנטע מחנך נפלא וואס איז אויסגערופן בכל קצבי תבל מיט זיין יארן ערפארונג און חינוך וואס שטייט תמיד לימין מוסדותינו בעצה ותושי' ה"ה הרב אברהם דוב עהרענטאל שליט"א וואס האט מיט זיין יארן לאנג ערפארונג אויסגעשמועסט וויכטיגע נקודות וואס מען דארף צו וויסן כדי נישט צו צוקומען צו מכשולות ח"ו, דערנאך האט מען אויסגעשמועסט צוזאמען עצות און הדרכות וואס קען שטארק צוגעבן פאר די סעיפטי פון אונזערע לעכטיגע זיסע קינדערלעך.

און ווייטערדיגע פעולות גרייט מען זיך בסייעתא דשמי' צו געבן א דרשה פאר אלע תלמידי מוסדותינו און אויסלערנען פאר זיי די וויכטיגע נקודות און הדרכות וואס זיי דארפן צו וויסן ביים גיין און ביים קומען כדי צו פארזיכער'ן די מאקסומום וויפיל מיר קענען זיך צו אפהיטן פון מכשולות ח"ו.

עס איז צום האפן אז דורך דעם וואס מיר ווענלן טוהן כל מה שביכלתו צו פארזיכערן די סעיפטי פון תלמידים וועט השי"ת אונז העלפן אז אלעס זאל פארן כשורה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

וה' ישמור צאתינו ובואנו לחיים ולשלום

# א בילד רעדט מער פון טויזענט ווערטער

## טבילת כלים







## מלחמת סיחון ועוג









א גוט שבת

וואונטשט הנהלת המוסדות

ביסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## הרתודה והברכה

### הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידינו היקר

### מו"ה אפרים פישל קרויס הי"ו

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

**לזכות בנו הילד החשוב כמר אברהם יצחק נ"ו – כתה א'**
**ולע"נ אמו מרת רחל בת ר' שמחה הכהן ע"ה**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה